**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט עפענונג פון 2022 נאוויגאציע סעזאן אויפ׳ן ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם

***פייערונג אין פעירפארט ווילעדזש דעקט אויף ניי-פארענדיגטער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען***

***באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם ערי קאנאל רעכענען אריין ליפטברידזש לעין וועסט און פיסגייער פראמענאדע***

***200׳סטע יארטאג פון קאנאל עפענונג אין פעירפארט אויך אנגעדענקט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די עפענונג פון דעם 2022 נאוויגאציע סעזאן לענגאויס דעם 524-מייליגן ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם, לאזנדיג אין גאנג דעם 198׳סטן נאכאנאנדיגע עפענונג פון דעם וואסער-וועג און פייערן די אנגייענדע צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג פון דעם ערי קאנאל׳ס קאנסטרוקציע און פארענדיגונג, וועלכס האט אריבערגעשפאנט פון 1817 ביז 1825. אלס טייל פון דאס אנהייבן דעם נייעם שיפלעריי סעזאן, האבן ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט, ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען און דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג זיך אנגעשלאסן מיט באאמטע אין דעם ווילעדש פעירפארט, מאנראו קאונטי אויפצודעקן דאס פערטיגן די לעצטנסדיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן לענגאויס דעם ערי קאנאל.

״דער ערי קאנאל איז אן איינגעלידערטער טייל פון ניו יארק׳ס היסטאריע, און אלס אליין א לאנג-יעריגער שיפלער, איז עס מיין מערסט באליבטע זומער-צייט דעסטינאציע, און איך לאדן איין אלע ניו יארקער זיך צו באטייליגן און געניסן מיט פארגעניגן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער קאנאל סיסטעם איז א צענטער פון פארוויילונג און טוריזם אין ארטיגע קאמיוניטיס לענגאויס דעם קאנאל-וועג און מיר קוקן ארויס מיט חשק צו נאך אן ערפאלגרייכן זומער פון עקאנאמישע אויפשטייג און אוואנטורעס.״

די 1.3 מיליאן דאלער אין פארבעסערונגען לענגאויס די צפון-מערב ברעגע פון דעם ערי קאנאל אין פעירפארט האבן אריינגענומען גענצליך נייע דאקס און דאק יוטיליטיס, באלייכטונג, א נייע נישט-מאטאריזירטער קלענערע-שיף ארויספאר פונקט, און ADA צוטריטליכקייט אייגנשאפטן איבער׳ן גאנצן ארט, אריינגערעכנט א צוטריטליכע קאַיאַק ארויספאר פונקט. אין צוגאב האט דער ווילעדזש געעפנט ליפטברידזש לעין וועסט, א פיסגייער פראמענאדע און צוזאמקונפט ארט פאר איינוואוינער און באזוכער וועלכס פיגורירט זיצונגען וועלכע שטיצן שמועסרייען, טעכנאלאגיש פארגעשריטענע סאָונד סיסטעם, באצירנדע באלייכטונג און שילדן, איניינעם מיט א באשטימטע ביציקל לעין פאר׳ן עמפייער סטעיט טרעיל.

דער ווילעדזש האט באקומען 300,000 דאלער אין פינאנצירונג פון דעם ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג צו פארענדיגן די ארבעט לענגאויס דער צפון-מערב

ברעגע. די נייע באקוועמליכקייטן דערגאנצען א פראיעקט פארענדיגט אין סעפטעמבער 2020 לענגאויס דעם דרום ברעגע. דער פריערדיגער 850,000 דאלערדיגער פראיעקט האט באקומען 150,000 דאלער אין פינאנצירונג שטיצע פון דעם ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען אויף צו אינסטאלירן אן אבסערוואציע דעק ביי קענעלי פארק, ווי אויך אלס א נייע נישט-מאטאריזירטער שיף דעק, סיידוואקס, ראוד פלאך, באלייכטונג, לענדסקעיפינג און היסטארישע אויסטייטש שילדן.

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "פאר באלד צוויי הונדערט יאר, האט דער ערי קאנאל באהאפטן מענטשן און האנדלערייַ לענגאויס אונזער סטעיט, און אלס אפטורפסים פון דעם איקאנישן וואסער-וועג, זענען די ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט און קאנאל קארפארעישען זענען אנטשלאסן צו פארזיכערן די קאנאלן בלייבן אפגעהיטן און אין אפעראציע פאר פילע קומענדיגע דורות. אין צוגאב, דורך אונזער 'זיך ווידערפארשטעלן די קאנאלן' איניציאטיוו, שטיצט NYPA פראיעקטן ווי דער לעצטנסדיגער באלייכטונג פון דעם פעירפארט ליפט ברידזש וועלכע הייבן ארויס די היסטאריע און אינזשינערונג פון דעם קאנאל סיסטעם און גלייכצייטיג צוציען איינוואוינער און טוריסטן צו די פילע קאנאלסייד קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען דירעקטאר ברייען יו. סטרעטאן האט געזאגט,** "די עפענונג פון נאוויגאציע סעזאן אויף ניו יארק'ס קאנאלן איז א זיכערע צייכן אז זומער איז שוין אט-אט אנגעקומען, און מיר קוקן ארויס יעדן ווארעם צו באגריסן יעדער וואס האט אינזין צו פארווילן אויף אונזער נעטוואָרק פון וואסער-וועגן און טרעילס היי-יאר. די נייע אינפראסטרוקטור און באקוועמליכקייטן הייַנט אויפגעדעקט אין פעירפארט שאפט א ווירקליך אויפגעלעבטע וואסער-ברעג דעסטינאציע פאר באזוכער און טוט ווידער-באשטעטיגן דער קאנאל סיסטעם'ס באהעפטונג צו אזויפיל קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** "דער ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם איז איינע פון אונזער לאנד'ס אומפארגלייכבארע פארוויילונגס מיטלען, און דאס עפענען דעם קאנאל מיינט אז דער שפיץ סעזאן פאר אינדרויסנדיגע פארוויילונג איז שוין אנגעקומען. די פארבעסערונגען וועלכע ווערן הייַנט געפייערט וועלן פארבעסערן די דורכלעבעניש פון סיי איינוואוינער און סיי באזוכער וועלכע קומען פון איבעראל אויף צו עקספלארירן דער סצענישער און היסטארישער דעסטינאציע.  סטעיט פארקס איז דאנקבאר צום NYPA, דער קאנאל קארפארעישען און דער פעירפארט ווילעדזש פאר זייער ארבעט אויף דעם פראיעקט."

אין צוגאב צו פייערן די נייע קאנאלסייד באקוועמליכקייטן היי-יאר, טוט פעירפארט אויך אנדענקן איר צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג אלס א קאמיוניטי אויף דעם ערי קאנאל. לויט אן ארטיקל געדרוקט אין דעם טשערי וואלי גאזעט אום אפריל 23, 1822, האט זיך דער ערי קאנאל געעפנט פאר נאוויגאציע אום אפריל 11'טן פון דעם יאר אין מזרח מאנראו קאונטי דורך וואס איז איצט פעירפארט צום איצטיגן 'בושנעל'ס בעיסין'. נאך סעקטארן פון דעם ערי קאנאל מערב פון 'בושנעל'ס בעיסין' ביז'ן שטאט ראטשעסטער האבן זיך געעפנט אין יולי און אקטאבער פון 1822, מיט'ן עפענען דעם ארגינעלן אקוועדוקט איבער'ן דזשענעסי טייך אין אקטאבער 1823. ווי געדרוקט אויף דעם ווילעדזש'ס וועבזייטל, איז דער ערי קאנאל געווארן א וויכטיגע טראנספארטאציע וועג, און פעירפארט, מיט א האטעל און פאסט אפיס, איז געווארן א פאפולערער אפשטעל ארט פאר רייזנדע. עס איז טאקע צום באמערקן אז פעירפארט ('שיינער-פּאָרט') האט באקומען איר נאמען פון קאנאל רייזנדע וועלכע האבן באצייכנט דעם אפשטעל ארט אלס א "גאנץ שיינער פּאָרט".

**פעירפארט ווילעדזש מעיאר דזשולי דאמאראטץ האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו פייערן די היסטאריע פון אונזער ווילעדזש וואס געפונט זיך אויפ'ן ערי קאנאל, דעם עפענונג טאג פון קאנאל סעזאן, און דער פארענדיגונג פון די פראיעקטן וועלכס פארשטערקערט די דורכלעבעניש פון באזוכן און וואוינען אין פעירפארט. דער טאג וועט פייערן סיי אונזער היסטאריע און סיי אונזערע פארשריטן."

**סענאטאר סאמרא ברוק האט געזאגט,** ״אלס א פיטספארד געבוירענער וועמענס ערשטער דזשאָב איז געווען אויפ׳ן ערי קאנאל, בין איך נישט קיין פרעמדער צום קאנאל׳ס ראיאנישע באדייט, ביישטייערנדיג נישט בלויז סצענישע שיינקייט נאר אויך אן עקאנאמישן מאטאר וועלכס האט סערווירט אונזער קאמיוניטי פאר דורות. אויף דעם צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג, לאמיר זיך ווידער אונטערנעמען צו באשיצן און אפהיטן אונזער באליבטער קאנאל כדי עס זאל קענען ווייטער סערווירן אונזער קאמיוניטי פאר הונדערטער יארן אינ׳ם צוקונפט. און אלס סענאטאר, וועל איך פארזעצן ווייטער צו ארבעטן צו פארזיכערן אז ארטיגע פאמיליעס האבן א שטארקער שטימע אין פירן אונזער קאנאל׳ס צוקונפט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשעניפער לונספארד האט געזאגט,** ״אונזער ווינקל פון דעם ערי קאנאל האט געהאט א טיפזיניגער ווירקונג אויפ׳ן אנטוויקלונג פון אונזער גרויסן עמפייער סטעיט און לאנד, און איך בין באגייסטערט צו מאכן אן אנדענק דעם היי-יעריגן נאוויגאציע סעזאן אום מאי 20׳סטן. היי-יאר צייכנט אפ דער צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג פונ׳ם עפענונג פון דעם ערי קאנאל אין דעם פעירפארט ווילעדזש. פארענדיגט אין 1825, איז דער ערי קאנאל געווען דער צווייט-גרעסטער קאנאל אין דער וועלט, אונטערהייבן די אנטוויקלונג און עקאנאמיע פון פילע גרויסע שטעט לענגאויס ניו יארק. מיט׳ן אנקומען פונ׳ם אויטאמאביל, האט דער פעירפארט ווילעדזש, וועלכס איז אפיציעל אינקארפארירט געווארן אין 1867, זיך אנגעהויבן צו פארברייטערן אוועק פונ׳ם וואסער, פאראורזאכנדיג א ווידער-פארשטעלונג פון דעם ערי קאנאל אלס א קוואל פון פארוויילונג. קענוס, קאַיאַקן און טוריזם שיפן קענען אפטמאל געפונען ווערן אויף דעם באליבטן וואסער-וועג, צווישן עטליכע פארבליבענע טראנספארט באַרדזשעס. איינוואוינער און באזוכער געניסן דאס גיין אדער לויפן לענגאויס דעם צי-וועג וועלכס גייט זייט-ביי-זייט נעבן דעם ערי קאנאל פאר 340 מייל, און פארשטייט זיך, מיר פייערן אלצדינג וואס דער קאנאל טוט אנבאטן פאר אונזער קאמיוניטי דורכאויס פעירפארט׳ס קאנאל טעג. דער ערי קאנאל איז א בריליאנט שטיין פאר אונזער קאמיוניטי!״

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** ״מיר צייכענען אפ מאנראו קאונטי׳ס צוויי-הונדערטיעריגע פייערונג מיט׳ן טעמע פון ׳פריידט זיך מער׳ און איך קען זיך נישט פארשטעלן א בעסערן ארט פאר פאמיליעס און באזוכער אנטיילצונעמען אין דעם פייערונג ווי נעבן דעם ערי קאנאל אין פעירפארט. מיט שפאגל נייע באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם קאנאל, זענען פאראן פילע וועגן אנצוקומען אין די פרייע לופט, זיין א טייל פון נאטור און זיך מער פרייען.״

**ערי קאנאלוועי נעשענעל העריטעדזש קארידאר עקזעקיוטיוו דירעקטאר באב רעדליף האט געזאגט,** ״דער סעזאן פון באנייאונג דערמאנט אונז ווי גליקליך מיר זענען צו האבן אן קאנאל סיסטעם וואס ארבעט און עס איז אן אוצר סיי פאר ניו יארק סטעיט און סיי פאר׳ן לאנד. מיר באטייליגן זיך אין דער פייערונג פון ווידער אויפעפענען אָפּסטעיט ניו יארק׳ס לעגענדארישע אין-לאנדישע וואסער-וועגן פאר יעדן צו ניצן און געניסן.״

דער קאנאל סיסטעם אין אפעראציע היינט טעגליך ביז מיטוואך, אקטאבער 12, 2022, פון 7:00 אינדערפרי ביז 5:00 נאכמיטאג מיט עטליכע לאקס און ליפט ברידזשעס אין אפעראציע ביז 10:00 אוונט דורכאויס דעם זומער. צו זען דעם פולן סקעדזשול און זיך לערנען מער איבער דעם ערי, שאמפלעין, אסוועגא, און קאיוגע-סענעקע קאנאלן, ביטע באזוכט דעם [קאנאל קארפארעישען׳ס וועבזייטל].

דער קאנאל קארפארעישען און דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (DEC) האט לעצטנס אויסגעמאלדן א גרונטליכע באמיאונג, אריינגערעכנט א נייע געשווינדע אפרוף פלאן ווערן אויסגעארבעט, צו באקעמפן די פאטענציעלע פארשפרייטונג פון דעם רונדיגן גאָובי, א ים-אריינדרינגענדער וואסער-באשעפעניש, צום לעיק שאמפלעין באסיין נאך די אנטדעקונג פון דעם פיש אין דעם הודסאן טייך נעבן טראוי אין יולי 2021. אומגעוואונשענע ים באשעפענישן קענען ארויסטרייבן היגע-

אפשטאמיגע פיש זגאלן, שטערן עקא-סיסטעמען און שעדיגן ארטיגע עקאנאמיעס אפהענגיג אין פארוויילונג.

אויף צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון אומגעוואונשענע ים זגאלן (AIS), שיפלער און פישכאפער ווערן געראטן צו שטענדיג רייניגן, לאזן אויסרינען און טריקן שיף / פישכאפעריי געצייג און פראקטיצירן פאסיגע באניץ און אפפירן אומגעוואונשענע בעיטפיש. באריכט סיי וועלכע אומגעוואונשענע זגאלן צו ׳איימעפאינוועיסיווס׳ אויף www.imapinvasives.org. DEC און דער קאנאל קארפארעישען האט לעצטנס אויסגעמאלדן א גרונטליכע באמיאונג צו באשיצן ניו יארקער וואסערן, איבערהויפט לעיק שאמפלעין פון רונדיגע גאָובי און אנדערע AIS. פאר מער אינפארמאציע, גייט צו: html.125018/https://www.dec.ny.gov/press

אין צוגאב ווערן אלע פאראינטערעסירטע קאנאל באניצער און סטעיקהאָלדער געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן צו באקומען אָפּדעיטס דורך דעם ״נאטיץ צו שיפלער״ מודעות פראגראם.

###